u Krakowie
w. Anny 12

היינט 10 זייטען VI-ער יאהרגאנג

.eben № 46 (286) „Nal. poczt. uiszczono ryczałtem

Radom Piątek 29 Listopada 1929

ראדאם, פרייטאג כ״ו מרחשון תר״ץ

פרייז 25 גראשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

# ראדאמער-קעלצער לעבען

אנאנסען פרייזן:

אײן מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ׳ן " 25 "

די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

**Dr. JAKOB GOLDBLUM**

*choroby wewnętrzne i dzieci*

przyjmuje od godz. 10—12-ej i od 4—7-ej

**ul. Moniuszki № 10**

(dawniaj Kościelna) **tel. 850.**

מיר באגריסען דיך
ליבער ח׳ **אברהמלע פינקעלשטייז**
צום געזונט ווערן,
מיר ועלן ווידער זיין גליקליך צו זעען דיך לעבן אונז!
פירן ווייטער דיינע און אונזערע געזעלשאפטליכע ארבעט.
**ארבעטער ווינקל**
— ראדאם. —

1911—1929

**18-יעהריגע עקזיסטענץ פון יודישן האנדוו.-קלוב**
**אין ראדאם.**

**זונטאג** דעם **29-טען דעצעמבער**
**דעם 3-טען טאג חנוכה, אין איינעם פון די גרעסטערע סאלעס**
וועט פארקומען דער
פייערליכער אקט פון
**פאהן-ענטהילונג**
**פון יודישען האנדווערקער-קלוב** לויט פאלגענדען פראגראם:

**שעה 2—3 נ״מ**

זאמעלפונקט אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב וואעל 59, פון דארט אבמארש מיט מוזיק אין געשלאסענע רייהען צו דער אקאדעמיע.

**שעה 3—7 אווענד** פייערליכע אקאדעמיע:

1) ערעפענונג, 2) הימנען, געזאנג און מוזיק, 3) פאהן-ענטהילונג, 4) הזכרה נאך די פערשטארבענע גרינדער און מיטגלידער פון האנדווערקער-קלוב בכלל, 5) באגריסונגען פון דעלעגאציעס, 6) דעפעראט פון דעפוטאט ח׳ ראסנער, 7) איבערבליק פון די קלוב-גרינדער, 8) מוזיק און שלוס.

**שעה 10 אווענד**

א גרויסער חבר׳שער באנקעט.

**בעמערקונג:** איינגאנג לויט ספעציעלע איינטריטס-קארטען.

**די ארגאניזיר-קאמיסיע.**

אונזער הארציגן גרוס
צום געזונט ווערן פון ליבן חבר
**אברהמלע פינקעלשטיין**
פייגענבוים וואלף, ווייסבערג קרמן, שניידערמאן בער,
צימערבוים שמואל, רויטמאן לייבל, גאלדבערג אברהם,
בלייוואס לאה רבקה, פישעלעוויטש מאניעק,
מאנדעלמאן הערל, מאץ יוסף, פריד פערל.

**W sobotę dnia 30 Listopada r. b.**
**O GODZINIE 9½ WIECZOREM**
AUX. ACAD. JUDAICUM i KOŁO AKADEMIKÓW
**(Wolność 3) URZĄDZA**
**D A N C I N G**
*w cukierni p. PRZYBYTNIEWSKIEGO*
przy ulicy 3-GO MAJA.
**Wejście bezpłatnie.**

# בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט דאס ג. ראדאמער בעפעלקערונג, אז פון שבת-צונאכטס דעם 30-טען ליסטאפאד ווערט געעפענט **א יאטקע** מיט **כשר פלייש** צו ביליגע פרייזען איז ראדאם, קילינסקי 19 ביי ספולקע-ראלנע.

| | | |
|---|---|---|
| 1 קילא | רינדערן-פלייש | 2.20 |
| 1 " | געמאלן-פלייש | 2.40 |
| 1 " | קעלבערינס | 2.50 |

**בעמערקונג:** מיין יאטקע איז פערזעהן מיט די בעסטע פליישען.

מיט אכטונג **זיסקע זיגעלשטיין.**

# UDZIAŁOWA
# Spółdzielnia Kredytowa

w RADOMIU, LUBELSKA № 11
**w Podwórzu.**

מאכט בעקאנט, אז עס ווערט אנגענומען **איינקאסעס**
**אויף מינימאלע פרייזען**
**אויף אלע שטעדט פון פוילען.**
מ׳גיט ארויס אוואנסען אויף בעקוועמע בעדינגונגען,
פראכטען, דיסקאנטעס און הלוואות.
אלע אינקאסעס ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון איינפליסען.

מעהר געניסען פון דער גאנצער וועלט; אין דאָך אָבער די צרה. וואָס א רייזע פון איירָאָפּע קיין אמעריקאַ דאַרף קאָסטען א היבשע סומע דאָלאַרען, וואָס ניטש יעדערער קען עס זיך ערלויבען, און דערצו לאָזט דאָך אמעריקע אריין ביז אויסערוועלטע און אויך ערשט נאָכ'ן ערלעדיגען פיעל פאָרמאַליטעטען — אלזאָ האָט די אמעריקאַנער רעגירונג בעשלאָסען לכבוד דער אויסשטעלונג מעגליך צו מאַכען פאַר יעדערען די נסיעה קיין אמעריקאָ; און אז אמעריטשקאַ וויל איז דאָך נישט שייך! האָט די אמעריקאַנער רעגירונג אָפּגעמאַכט מיט אלע שיפס־געזעלשאַפטען, אז ווי זאָלען יעדען, וואָס וויל פאָרען קיין קאליפאָרניע צו בעזוכען די אויסשטעלונג. פעררעכענען די רייזע קיין אמעריקאָ הין און צוריק בלויז 75 דאָלאַר. און די איבריגע סומע וועט שוין געדעקט ווערען דורך דעם אויסשטעלונגס־קאָמיטעט; ווי מאכט מען אָבער מיט א וויזע? האָט מ'קי די אמעריקאַנער רעגירונג ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג צו איהרע קאָנסולאַטען, אז מען זאָל יעדען בעלן ארויסגעבען אָהן שום שוועריקייטען אלע נויטיגע דאָקומענטען צום פערברענגען אין אמעריקאָ ביז דריי חדשים צייט; און חוץ דעם וועט יעדער בעזוכער פון דער אויסשטעלונג בעקומען אין קאליפאָרניע אויף די דריי חדשים צייט אַן אומזיסטע „קאַוואַרטירע" דירה אלע בעקוועמליכקייטען; וואָרום, אז אמעריקאַ וויל, איז דאָך נישט שייך!

אזוי האָבען אונז גאנץ ערענסט דערציילט די יונגעלייט און אונז ערקלערט, אז אין ראדאָם ווערט שוין שיער נישט געבילדעט א פעראיין פון „בעלנים צו פאָהרען אויף דער אמעריקאַנער אויסשטעלונג", מחמת ווער האָט עס נישט קיין קרוב אין אמעריקאָ — ממילא וועט מען שוין די הוצאות אודאי אויסשלאָגען נאָך מיט א סמיטשיק.

דעם אמת־זאָגענדיג האָבען מיר אין ערשטען מאָמענט אינסטינקטיוו געכאַפּט א קוק אויפ'ן קאלענדאר, צי איז עס אמאָהל נישט א וויץ פון ערשטען אפּריל; און ווען מיר האָבען דערזעהן, אז מיר האַלטען ביי נאָוועמבער און עס גייט צו ווינטער, האָבען מיר אָפּגעקילט דעם ענטוזיאַזם פון די יונגעלייט מיט דער בעמערקונג, אז די גאנצע געשיכטע זעהט אונז אויס זעהר פאַנטאַסטיש און מיר האָבען נאָך וועגען דעם ערגיץ נישט געהערט און נישט געלייענט.

ביים געזעגענען זיך, האָבען די שטאַרק ענטוישטע יונגעלייט ערקלערט, אז דער ערשטער האָט דעם קלאַנג געבראַכט קיין ראַדאָם א שידלאָוועצער בחור. וועלכער זאָל האָבען בעקומען וועגען דעם א געצייגט בריף פון זיינעם א קרוב אין אמעריקאַ.

## פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ה' פראָפ. מושקאַטבלישה הויבט אָן א נייע סעריע פון זיינע פאָרלעזונגען, וועלכע וועלען פאָרקומען יעדען צווייטען פרייטאג־צו־נאכט אין לאָקאל פון דער אָרגאַניזאַציע. אויפ'ן ערשטען פלאַן, אלס אקטועלע טעמא. וועט געגעבען ווערען א פאָרלעזונג אונטער די טעמא „משה מענדעלסאָן (רמב"מן) אלס רעפאָרמאַטאָר און פילאָזאָף, זיין פילאָזאָפישע שיטה אין בעצוג צו רמב"ם און ברוך שפינאָזא".

די ערשטע פאָרלעזונג, אלס הקדמה וועט פאָרקומען פרייטאג צו־נאכט פ' חיי שרה אונטער ד. ט. „די פאָר־תקופה פון משה מענדעלזאָן, דער קאַמף פון רבנות מיט הסידות, אָדער הלכה און אגדה"—8 אזייגער מיט דער בעוואוסטער פינקטליכקייט פון פרעלעגענט.

## „פרישע צאַפּעלדיגע נייעס"

### צייטונגען, וואָס קומען אָן קיין ראַדאָם מיט אַנ'עראָפּלאַן.

די יודישע פרעסע אין ווארשא איז לעצטענס בערייכערט געוואָרען מיט אָוונד־בלעטער. וועלכע ערשיינען יעדען טאָג און קאָנקורירען נאטירליך צווישען זיך.

אין איין פרט הערשט אָבער צווישען די קאָנקורענטען א פולע אחדות. אויב איין בלאט וואָלט געבראכט פרישע טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע ידיעות, וואָלט דאָך דאָס צווייטע בלאַט אויך ניט געקענט בלייבען הינטערשטעליג, האָט מען געשלאָסען אין דער הינזיכט א שלום אָפּמאַך, אז דער טעלעגראַף מיט'ן טעלעפאָן זאָלען א גראָשען פון זיי ניט פערדינען.

לעצטענס זענען די ארויסגעבער פון די דאָזיגע צייטונגען געפאלען אויף א נייע המצאה: היות ווי אַנ'אָוונד־בלאַט, מוז מען דאָך דרוקען בייטאָג און עס ווערט פונאנדערגעשיקט אויף דער פראָווינץ ערשט אויף מאָרגען, אזוי, אז עס קומט אָן מיט א נעכטיגע דאַטע, איז מען געפאַלען אויף א פּלאַן און די ווארשאַווער אָוונד־בלעטער האָבען גענומען אנקומען מיט דער היינטיגער דאַטע דעמזעלבען טאָג מיט'ן ווארשאַווער בייטאָגעדיגען צוג.

פרעג איך ביי א צייטונג'ס־פערקויפער:

— פעטער, ווי אזוי האָט איהר דאָס אזוי גיך בעקומען די סחורה, אז אין ווארשא איז דאָך די צייטונג ארויס ערשט היינט צוויי אזייגער בייטאָג און איצט איז בלויז דריי אזייגער, היינט ווי אזשע קען די צייטונג אנקומען פון ווארשא קיין ראַדאָם אין איין שעה צייט?

ענטפערט ער מיר מיט א וואונק:

— די סחורה איז געקומען מיט אַנ'עראָפּלאַן...

— פעטער, וואו האָט איהר געזעהן אַנ'עראָפּלאַן אין ראַדאָם? פרעג איך ווייטער.

אט אזוי איז עס שוין — ענטפערט יענער און וויל מעהר מיט מיר ניט טענה'ען. ער איז פערנומען מיט שרייען אויפ'ן קול:

— 10 גראָשען א היינטיגע ווארשאַווער אָוונד־בלאַט!

„פרישע צאַפּעלדיגע נייעס!"




## סטאַטיסטיק פון די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם.

די גמינע פערוואלטונג אין ראַדאָם פיהרט יעצט איורך א רשימה פון די גאנצע יודישע בעפעלקערונג, וועלכע וואָהנט אין ראַדאָם.

די רשימה וועט פעסטשטעלען דורך גענויע ציפערן די צאָהל, עלטער און בעשעפטיגונג פון די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם.

צו דעם צוועק בעזוכען לעצטענס די יודישע וואָהנונגען פאַרליך ספעציעל דעלעגירט פון דער גמינע.

Kino „ODEON" w Radomiu.

Od PONIEDZIAŁKU dn. 2 grudnia b. r.

2 ANONSUJEMY następne wielkie przeboje sezonu 2

pod tytułem:

SERCE MAHARADŻY

To wielki superfilm Europy.
To wielki i zasłużony tryumf sztuki kinematograficznej.
Film ten—to wielkie arcydzieło.
Bajeczna wystawa.
Wspaniałe pałace władcy Santrampuru.

Niezwykłej ceny klejnoty koronacyjne.
Spahisi. Orszak przyboczny Maharadży.
Odaliski. Gwardja. Wojsko. Defilada słoni.
Film który dostąpił zaszczytu demonstrowania na królewskim dworze angielskim.

W rolach głównych:
Mary Odette, Maria Forescu, Liljana Dean,
w roli MAHARADŻY słynny aktor i reżyser
JAN KUCHARSKI

Drugi program równorzędny
NIEWINNIE POSĄDZONY
W roli głównej — ulubieniec TOM MIX.

Świetna orkiestra pod dyrekcją J. SZYMKIEWICZA.

KINO CORSO w RADOMIU

**Od poniedziałku 2 grudnia 1929**

będzie demonstrowany jeden z największych superfilmów sezonu p. t.

# SZLAKIEM HAńBY

## דאס בילד

ווייזט אונז דעם גאנצען נידערטרעכטיגן האנדעל מיט לעבעדיגע סחורה. ווי עס ליידען און שמאכטען פיעל אונשולדיגע יונגע נאַאיווע מיידלעך, וועלכע ווערען פערקויפט אויף דער אינטערנאציאנאלער ארענע פון שקלאפען-האנדעל.

**אלע מוזען זעהן**

**דאס הערליכע בילד.**


Ukazały się w biegu weksle z moim podpisem. Oświadczam, że żadnych weksli nigdy nie podpisywałem, a przeciwko sprawcom fałszerstwa wkraczam na drogę sądową.

*Stanisław Frajdas.*

### פון טעאטער „ראזמאיטאָשטשי“

היינטיגען שבת וועט אין טעאטער „ראָזמאיטאָשטשי“ אויסגעפיהרט ווערען א הערליכע רעוויע מיט'ן אנטייל פון די בעריהמטע באַלעטניצע אַננאַ זאבּוּיקינאַ. די רעוויע האָט אַרויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג ביי די טעאטער-בעזוכער.


# BUCHALTER

## BILANSISTA,

pierwszorzędne referencje, wieloletnia praktyka

**poszukuje posadę**

ew. godziny, prace bilansowe.

Oferty do Redakcji Sub „Buchalter“.



*Kino ODEON Teatr*

Od poniedziałku 25 listopada 1929 r.

Wieki przebój sezonu!

**POD BANDERĄ MIŁOSCI**

Zbyszko Sawan, Marja Bogda, Jerzy Marr, Władysław Walter.

Fenomenalny film wytwórni polskiej.

*Kino „CORSO“ Teatr*

Od poniedziałku dn. 28 listopada 1929 r.

**NARZECZONA 68**

czyli

**MIASTO BEZ KOBIET**

z tytanem ekranu

*CONRADEM VEIDT'EM*

*Kino NOWE CZARY Teatr*

Od poniedziałku 25 listopada b. r.

**PIĘKNA ORCHIDEJA**

z kuszącą piękną Gretą Garbo i inn.

**Oraz Nadprogram:**

**Miłość Cowboja**


# קעלצער אבטיילונג.

## אלע קעלצער אידישע דאקטוירים טרעטען אריין אין „לינת הצדק“.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער לינת-הצדק-פערוואלטונג, איז נאָך א לענגערע דיסקוסיע בעשלאָסען געוואָרען צו ערפילען דעם וואונש פון די אידישע דאָקטורים, און צו פערעפענטליכען אין „היינט“ און אין „ראדאָמער-קעלצער לעבען“, א ענטשולדיגונגס-ערקלערונג ביי די אידישע דאָקטוירים: לעווינזאָהן, כאַטינער, פלעשלער, זיל-בערשלאַג, קרויזע און שאַטץ, פאַר דער בעליידיגונג וואָס די לינת-הצדק-פערוואַלטונג האָט זיך ערלויבט גע-גען זיי.

ווי מיר ווערען אינפאָרמירט, וועלען אלע דערמאָהנטע אידישע דאַקטוירים אין די נאָנטסטע טעג אנהויבען אר-בייטען אין לינת-הצדק-אמבולאַטאָריום.

## די הכנות צו די פייערונג פון יצחק גרינבוים'ס 50-יעהריגען יובילעאום אין קעלץ.

אויף דער לעצטער זיצונג פון היגען ציוניסטישען קאָמיטעט, איז בעטראכט געוואָרען די פראגע, ווי אזוי צו פיי-ערען דעם 50-יעהריגען געבורטס-טאָג פון דעם פיהרער פון פוילישען אידענ-טום, דעפוטאָט יצחק גרינבוים.

עס זענען ארויסגעזאָגט געוואָרען פערשידענע פראָיעקטען. א ענדגילטי-גער בעשלוס וועט אָנגענומען ווערען אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע, וואָס איז צו דעם צוועק אויסגעוועהלט געוואָרען, וועלכע בעשטייט פון די ה"ה: פרוי אסתר קייזער, אַלטר ערליך, נ. אָסטראָוויטש, ח. זיעלאָני און מ. ראָטענבערג.

צווישען אַנדערן איז אויך בעשלאָ-סען געוואָרען צו עפענען א זאַמלונג צווישען די היגע אידען לטובת דער דורך דעם „היינט“ פאָרגעלייגטער „פאָלקס-מתנה“ — א נחלה אין ארץ-ישראל.

## קאָמוניקאַט פון אידישען קריַיז-סוחרים פעראיין.

די פערוואַלטונג פון קיעלצער סוח-רים-פעראיין איז מודיע, אז לעצטענס איז אדורכגעפיהרט געוואָרען אין פער-איין א פולשטענדיגע רעאָרגאניזאציע און דער פעראיין האָט אָנגעהויבען ערנסט זיך צו פעראינטערעסירען מיט דער לאַגע פון אידישען סוחרטום פון דער קעלצער וואָיעוואודזטווא.

די איינצעלנע פערזאָנען וואָס האָבען מיט זייערע פערזענליכע אמביציעס געשטערט די אַרבייט אין פעראיין, גע-פונען זיך איצט שוין נישט אין פעראיין.

אויך דאָס פעראיינס-ביוראָ איז רע-ארגאַניזירט געוואָרען. דער פעראַנט-וואָרטליכער ביוראָ-לייטער, וועלכען דער פעראיין האָט לעצטענס אָנגאַ-זשירט, ערטיילט יעדען טאָג אין פער-איינס-ביוראָ בחנמ'דיגע יורידישע עצות. רעדאַגירט פּאָדאַניעס, רעקורסען וועגען שטייערען און אדמיניסטראַטיווע אנגעלעגענהייטען א. אז. וו.

## פייערליכער חנוכת-הבית פון „בית-יתומים“.

אין די נאָהנטסטע טעג וועט פאַרקו-מען דער פייערליכער חנוכת-הבית פון היגען „בית-יתומים“, וועלכער געפינט זיך אין אוועקגעשענקטען הויז פון די ברידער זאַגייסקי אויף סעמינאַרינסקאַ נומ. 22.

## רעפרעזענטאַציאָנס - באַל פון „בית-יתומים“.

היינטיגען שבת-צונאכט קומט פאָר אין קעלץ דער ערשטער רעפרעזענ-טאַציע-באַל פון בית-יתומים.

מיר זענען זיכער, אז די אידישע בעפעלקערונג וועט דעם באַל צאָהלרייך בעזוכען.

Dzięki zaintaresowaniu się kilku stałych solidnych gości Żydów mego lokalu sprawą incydentu zaszłego, między moim współprac. a p. E. wyjaśniliśmy następująco: że wymiana słów tyczyła się li tylko wyżej wymienionych Panów, a nie — jak ogólnie mówiono, całego ogółu. Zatem likwidując całe zajście ofiaruję 10 zł. na „Zw. Inwal.“ i 10 zł. na „Dom Sierot Żyd.“ mając nadzieję iż do takiego zajścia nigdy więcej nie dojdzie.

Z poważaniem

*W. Rembikowski.*

Teatr **Rozmaitości** | W sobotę d. 30 Listopada
Wystąpią tylko 1 raz artyści Warsz.

**Anna Zabojkina** z uroczą **Wierą Suriną**

**Wacław Sowiński** Art. Warsz. Oper.—ulub. stol.

**Prof. Wł. Miszczak** znany kompozytor i kapel. (fortep.)

oraz słynny w Polsce i zagran. **Balet p. A. Zabojkinoj**

w liczbie 11 osób, który wystąpi w malow. kostjum.

Szczegóły w afiszach. **Początek o godz. 8.30 wiecz.**

## עריקלערונג פון דער דירעקציע פון קינא „נייער טשארי“

אין שייכות מיט דעם „יורענפריינדליכען“ נאטיץ פון „סלאויא ראדאמסקע“, וואו זי דריקט אויס איהר פרייד צוליב'ן אבטרעטען פון יודישען שותף פון קינא „נייער טשארי“, וואס מיר האבען איבערגעדריקט אין אונזער צייטונג פון פאריגע וואך — האבען מיר אנגעפרעגט ביי די היינטיגע דירעקטארען פון זעלבען קינא, צי זיי האבען נישט קיין געמיינזאמעס מט'ן דערמאנטען נאטיץ. דערויף האבען אונז די דירעקטארען פון „נייעם טשארי“ פייערליך ערקלערט, אז אין די שמחה פון „סלאוואַ“ נעמען זיי נישט קיין שום אנטייל און די „סלאוואַ“ האט דעם דאַזיגען נאטיץ אבגעדרוקט פון איהר אייגענער איניציאטיוו אהן דעם וויסען און אהן דעם הסכם פון דער דירעקציע דערביי האבען די היינטיגע דירעקטארען פערזיכערט, אז נאכ'ן דערוויסן זיך פון דער דאזיגער „נייעס“ האבען זיי געגען דער „סלאוואַ“ שארף פראטעסטירט מחמת זיי מאכען נישט קיין אויסנאהם און שענקען די זעלבע אויפמערקזאמקייט אלע בעזוכער אהן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט און גלויבען.

אונזער הארציגסטען פרייד-אויסדרוק דעם חשוב'ען פארשטעהער

**אברהמ'לע פינקעלשטיין**

צו זיין געזונד ווערען.

מיר ווינשען זיך איהם צו זעהן ביי זיין ווייטערדיגער אינטענסיווער פראלעטארישער ארבייט.

**דער ארבייטער פריזירער-פעראיין**

— אין ראדאם. —

## בריעף אין רעדאקציע.

ג. ה' רעדאקטאר!

מיר האבען דעם כבוד אייך צו בעטען אבצודרוקען אין אייער וו. צייטונג פאלגענדען בריעף:

אין ארקעסטער פון קינא „נייערטשארי“ ארבייטען 10 מאן, 7 יודען און 3 קריסטען. מיר האבען געארבייט די גאנצע צייט פון די פאריגע שותפים — איין קריסט און איין יוד — צו אונזער גרויסען בעדויערען מוזען מיר אבער דערמאנען, אז דער יודישער שותף האט זיך צו אונז יודען נישט בעצויגען ווי געהעריג. אין פיעל פאלן איז דער קריסטליכער שותף געווען אונזער פערטיידיגער. אזוי למשל, ווען מיר האבען געבעטען דעם יודישען דירעקטאר צו בעפרייען אונז אויף ראשהשנה און יום-כפור, האט ער אונז ענטזאגט און נאר א דאנק דעם קריסטליכען שותף, וואס איז היינט ווייטער דירעקטאר זענען מיר אין די דערמאנטע ימים טובים בעפרייט געווארען פון שפילען. פאר וואס מיר האבען דעם היינטיגען דירעקטאר און דער פרוי וואלקאוסקא אויפגעדריקט זייער צייט א דאנק אין „ראד. קעלצער לעבען“. יעצט איז דער זעלבער דירעקטאר ווייטער פערבליבען אין קינא „נייער-טשארי“ און מיר פיהלען צו איהם די גרעסטע אכטונג, וואס ער איז באמת ווערטה פאר זיין ליבענסווירדיגע און טאקטפולע בעציהונג צו אונז.

מיט אכטונג

יודישע מוזיקער פון קינא „נייער-טשארי“.

## דאקטוירים בעשטעטיגען

אז אטרעטיזם. רעמאטיזם און עהנליכע קראנקהייטען ווערט מען גרינדליך אויסגעהיילט בענוצענדיג פאראווע בעדער, אין געגצליך בענייטען באד-וואקלאד ביים האטעל איירעפעיסקי אין ראדאם

א פאראווע לאזשניע I קל. — 1.60 זל.

טעטיג פרייטאג און שבת

II קל. — 1.20 „

קינדער — 0.50 „

וואננעס (יעדען טאג) — 1.30 „

בעאמטע און פאמיליע גרופעס בעקומען הנחות.

Biuro Prośb i Podań

p. f. **„PROLITEX“**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA: Sprawy paszportowe, Mieszkaniowe, Wszelkie Tłomaczenie i inne.

Redaguje Podania: Do Władz Sądowych, Skarbowych, Administracyjnych i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

**Przepisywanie na maszynach.**

LEKARZ-DENTYSTA

**R. BANKIER-DEN**

**J. Malczewskiego 9|11**

przyjmuje codziennie od 10 — 1 i od 3 — 6.

**Powszechny Bank Spółdzielczy**

Spółdz. z ogr. odp.

w Radomiu, Lubelska 27 Telefon № 502.

**די באנק פאלקסבאנק ראדאם,**

לובלינער 27 מאכט דערמיט בעקאנט די יודישע סוחרים אין ראדאם,

אז מיר גיבען ארויס די גרעסטע **אוואנסען** אויף אינקאסעס.

ס'ווערען אויך אנגענומען אפשפארונג'ס-וועקלאדען פון די קלענסטע סומען און אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. :—: אינקאסעס אויף אלע שטעדט פון פוילען צו קאנקורענץ-פרייזען. :—: די אינקאסעס ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון איינפליסען.

**Dr. med.**

**I. KLEINBERGER**

spec. chorób uszu, nosa i gardła

**przeprowadził się**

**na ul. Długą Nr. 26, Telef. 107.**




Redaktor CH. M HERC

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben“. Radom, Szwarlikowska 20.